# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:18
מוצאי שב"ק....................5:48

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............ עובדיה א – יונה א'
בבלי................. בבא קמא ט"ז
ירושלמי.................... ערלה ח'
תוספתא............ מעשר שני ד'
רמב"ם.......... אישות ד'

פרשת תולדות, ה' כסלו, שנת תשפ"ד לפ"ק
שנה 13, גליון 7 (627)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּגְדְּלוּ הַנְּעָרִים וַיְהִי עֵשָׂו אִישׁ יֹדֵעַ צַיִד אִישׁ שָׂדֶה וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים. בְּרֶענְגְט רַשִׁ"י פוּנֶעם מֶדְרָשׁ (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא ד') אַז וִוי לַאנְג זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְלֵיין הָאט מֶען נִישְׁט גֶעזֶען אוֹיף זֵיי וָואס זֵיי זֶענֶען, נָאר וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן דְרַייצְן יָאר אַלְט הָאט מֶען זֵיי דֶערְקֶענְט, יַעֲקֹב אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען, אוּן עֵשָׂיו אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי עֲבוֹדָה זָרָה. אוּן רַשִׁ"י זָאגְט וַוייטֶער אַז עֵשָׂיו אִיז גֶעוֶוען יֹדֵעַ צַיִד, עֶר הָאט גוּט גֶעקֶענְט אוֹיסְפָּאפְּן זַיין טַאטֶע, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיינֶע קַשְׁיוֹת, "טַאטֶע, וִוי אַזוֹי מַעֲשֵׂר'ט מֶען זַאלְץ אוּן שְׁטְרוֹי", עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין לֵיצָנוּת אוּן חָכְמוֹת. ווידֶער יַעֲקֹב אִיז גֶעוֶוען אַן אִישׁ תָּם, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעקֶענְט מִיט דִי אַלֶע זַאכְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שַׁארְף צוּ פָּאפְּן, וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ "תָּם". יֹשֵׁב אֹהָלִים, יַעֲקֹב אִיז גֶעזֶעסְן אִין דִי גֶעצֶעלְטְן פוּן דִי צַדִיקִים שֵׁם אוּן עֵבֶר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י"ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט מִיט זַיין שֵׂכֶל אוּן חָכְמוֹת, קֶען עֶר אַריינְפַאלְן אִין גָאר שְׁוֶוערֶע טָעוּתִים אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען, אוּן צוּקוּמֶען צוּ גָאר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז צוּ גֵיין פְּשׁוּטֶערְהֵייט מִיט תְּמִימוּת, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוֹיב דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְט זָאל עֶר עֶס טוּן, אוּן אוֹיב נִישְׁט נִישְׁט.

דָאס דַארְף מֶען אָבֶּער אַריינְפְּרֶעגְלֶען אִין דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר יוּנְג, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כ"ב, ו') "חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה", חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיף דֶעם (מֶדְרָשׁ מִשְׁלֵי כ"ב, ג') "אוֹיב הָאסְטוּ מְחַנֵךְ גֶעוֶוען דַיין קִינְד יוּנְגֶערְהֵייט מִיט תּוֹרָה, וֶועט עֶר אַזוֹי אוֹיפְוַואקְסְן מִיט תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

עֶלְטֶערְן קֶענֶען טְרַאכְטְן אַז זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַסַאךְ צַייט, זֵיי וֶועלְן וַוארְטְן בִּיז דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אוּן דַאן וֶועט מֶען זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז וֶוען דָאס קִינְד וֶוערְט שׁוֹין גְרֶעסֶער אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט, וֶוען מְ'הַאלְט שׁוֹין בַּיי דִי בַּר מִצְוָה זֶעט מֶען שׁוֹין דֶעמָאלְט וואוּ דָאס קִינְד גֵייט, אֵיינֶער גֵייט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לֶערְנֶען, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער גֵייט נֶעבֶּעךְ צוּ אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי מְ'הָאט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען דָאס קִינְד וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין.

דֶער עִיקָר חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיין. ווי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ אוֹיף, דִי זֶעלְבֶּע וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן דִי קִינְדֶער. מֶען קֶען נִישְׁט עֶרְוַוארְטְן אַז קִינְדֶער זָאלְן גָאר זַיין בֶּעסֶער פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (סוּכָּה נ"ו) אַז וֶוען מֶען הֶערְט אַ קִינְד שְׁמוּעֶסְן אוֹיפְ'ן גַאס, זָאל מֶען וִויסְן אַז דִי זַאכְן הָאט דָאס קִינְד גֶעהֶערְט אָדֶער פוּן זַיין טַאטֶע אָדֶער פוּן זַיין מַאמֶע. וֶוען מֶען זֶעט אַ קִינְד רֶעדְט נִישְׁט אֵיידְל, עֶר שְׁרַייט שֶׁעלְט אוּן רֶעדְט נִבּוּל פֶּה רַחֲמָנָא לִיצְלָן; אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דָאס קִינְד הָאט גֶעהֶערְט אִינְדֶערְהֵיים אַזוֹי רֶעדְן, אוּן דֶעריבֶּער רֶעדְט דָאס קִינְד אוֹיךְ אַזוֹי. אוּן וֶוען מֶען זֶעט אַ קִינְד וָואס רֶעדְט אֵיידְל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶוען עֶר בֶּעט עֶפֶּעס בֶּעט עֶר דָאס מִיט אֵיידְלְקֵייט, עֶר אַנְטְשׁוּלְדִיגְט זִיךְ וֶוען עֶר טוּט עֶפֶּעס נִישְׁט רִיכְטִיג, עֶר בַּאדַאנְקְט זִיךְ פַאר אֵיינֶעם וָואס טוּט אִים אַ טוֹבָה; דַאן וַוייזְט זִיךְ אַרוֹיס אַז דִי סָארְט שְׁפְּרַאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט בַּיי זַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּב. אַלֶעס וָואס דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן, שְׁפִּיגְלְט זִיךְ אָפּ אִין דִי קִינְדֶער.

דֶעריבֶּער אוֹיב ווילְן עֶלְטֶערְן זֶען אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זָאלְן זֵיי קוֹדֶם זֶען זִיךְ אַלֵיין מְחַנֵךְ צוּ זַיין. זֵיי אַלֵיין זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן אֵיידְלְקַייט. אוּן דַאן וֶועט זִיךְ דָאס אוֹיטָאמַאטִישׁ אוֹיךְ אָפְּשְׁפִּיגְלֶען אִין דִי קִינְדֶער.

לֵיידֶער זֶענֶען פַארְהַאן קִינְדֶער וֶועלְכֶע גְלִיטְשְׁן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁן וֶועג, אוּן דִי עֶלְטֶערְן עֶסְן זִיךְ אוֹיף דָאס גֶעזוּנְט אוּן קֶענֶען דָאס נִישְׁט צוּקוּקְן. דָאס עֶסְט זֵיי אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי דָאס הָאט פַּאסִירְט צוּ דִי קִינְדֶער, אִין דִי צַייט וָואס זֵיי וֵוייסְן אַז זֵיי אַלֵיין הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט אַזוֹי. אוֹיב דִי קִינְדֶער טוּעֶן נָאר נָאךְ דִי עֶלְטֶערְן, וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין אַז דִי קִינְדֶער הִיטְן לֵיידֶער נִישְׁט קַיין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אִין דִי צַייט וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען יָא גֶעוָוארְנְט אִין דִי זַאכְן?

עֶס אִיז טַאקֶע פַארְהַאן אוֹיךְ אַ "יוֹצֵא מִן הַכְּלָל", עֶס קֶען זִיךְ טַאקֶע מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ לֵיידֶער אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וֶועלְכֶע הָאבְּן זֵיי גֶעפִירְט אוֹיף קְרוּמֶע וֶועגְן, אוּן דֶעריבֶּער הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעלָאזְט דִי גוּטֶע וֶועגְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. נִישְׁט אֵייבִּיג אִיז אָבֶּער נָאר דָאס דִי סִיבָּה, אַמָאל קֶען לִיגְן אוּנְטֶער דֶעם אוֹיךְ דִי שׁוּלְד פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

אֲפִילוּ וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הִיטְן טַאקֶע שַׁבָּת, אָבֶּער אוֹיף וָואסֶערֶע אוֹפָן הִיטְן זֵיי שַׁבָּת? וָואס זֶעעֶן דִי קִינְדֶער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ בַּיי זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן? צִי זֶעעֶן זֵיי וִוי דִי עֶלְטֶערְן פְרֵייעֶן זִיךְ אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת? צִי זֶעעֶן זֵיי אַז דֶער שַׁבָּת אִיז חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר אִין דִי אוֹיגְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן? אָדֶער זֶעעֶן

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### קֶענְסְט נִישְׁט אַלֵיין

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל צוּ מוֹהֲרָא"ש מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוֹיפְ'ן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י') אַז עֶס זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע בַּעֲלֵי גַאֲוָה וָואס זֵיי ווילְן נִישְׁט גֵיין צוּ אַ צַדִיק, זֵיי טַעֲנָה'ן אַז עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס אַז דֶער צַדִיק זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זֵיי, זֵיי הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס אַז זֵיי קֶענֶען אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט פוּן מוֹהֲרָא"ש אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט דֶער פְּשַׁט אִין דֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דָאךְ טַאקֶע אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶער אִיד קֶען אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם, אַז מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן זַיין הִילְף, פַארְוָואס רוּפְט דֶער רֶבִּי אָן אַ "בַּעַל גַאֲוָה" אֵיינֶעם וָואס זָאגְט אַז עֶר קֶען אַלֵיין מִתְפַּלֵל זַיין?

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוֹיף דֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער תֵּירוּץ אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט. עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז יֶעדֶער אִיד קֶען אוּן דַארְף אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיבּ אָבֶּער גֵייט מֶען נִישְׁט צוּ אַ צַדִיק, וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין לַאנְגֶע צַייט בִּיז מֶען וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְהֶערְן צוּ רֶעדְן אוּן

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַחַל; וֶוער עֶס לֶערְנְט אֲשֶׁר בַּנַחַל וֶועט אַלְץ הָאבְּן חִיזוּק, עֶר וֶועט אַלְץ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא סֵפֶר וָואס זָאל אַזוֹי מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹדֵד זַיין וִוי דֶער סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל.

דֶער לָשׁוֹן וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט: "עַל כָּל דָבָר שֶׁצָרִיךְ לִפְעֹל, יִשְׁפֹּךְ תְּפִלּוֹת בְּעֹשֶׁר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, תְּפִלָּה אַחַר תְּפִלָּה", אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען וִויל פוֹעֵלְ'ן זָאל מֶען גִיסְן תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּעֲשִׁירוּת; דָאס אִיז אַ חֲזַ"ל, דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כה, כא): "וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ", יִצְחָק אָבִינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קִינְדֶער, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סג, ה) עֶס שְׁטֵייט אַ לָשׁוֹן 'וַיֶּעְתַּר', עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט 'וַיִּתְפַּלֵּל' אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע לָשׁוֹן פוּן תְּפִלָּה, "רַבִּי יוֹחָנָן אָמַר שֶׁשָּׁפַךְ תְּפִלּוֹת בְּעֹשֶׁר", 'וַיֶּעְתַּר' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן עֲשִׁירוּת, עֶר הָאט גֶעגָאסְן תְּפִילוֹת אַזוֹי וִוי אַן עוֹשֶׁר; אַן עוֹשֶׁר הָאט אִין יֶעדֶע טַאשׁ גֶעלְט, וֶוען מֶען בֶּעט אִים גֶעלְט נֶעמְט עֶר אוּן גִיסְט גֶעלְט, וָואס עֶר דַארְף - גִיסְט זִיךְ גֶעלְט, אַזוֹי הָאט יִצְחָק אָבִינוּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן תְּפִילוֹת פוּן אִים, נָאךְ אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַּח תשפ"ב)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע וֶוייטָאג וִוי אַז דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁן וֶועג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ — יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, ב' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

וִוי קֶען אִיךְ אַייךְ טְרֵייסְטְן? נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע וֶוייטָאג פַאר אַ מַאמֶע וִוי אַז אִירֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁן וֶועג, דָאךְ וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער פוּן חִיזוּק, אִיךְ הָאף אִיר וֶועט דָאס אָנְנֶעמֶען.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אִין תְּפִלָּה, בֶּעטְס וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן אַלֶע זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ, מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען זֶען נִיסִים וְנִפְלָאוֹת, שֶׁדּוּד הַטֶּבַע מַמָּשׁ. אִיר וֵוייסְט זִיכֶער וָואס רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וֶוען עֶר הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז זַיין זוּן זָאל שְׁטַארְבְּן נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וִוי זַיין זוּן אִיז אַוֶועק פוּן אִידִישְׁן וֶועג: "אַז דוּ הָאסְט יָא אַזַא כֹּחַ, דוּ קֶענְסְט פּוֹעֵל'ן מִיט'ן דַאוֶונֶען, פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן? וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!"

אִיר וֶועט מִיר זִיכֶער עֶנְטְפֶערְן אַז אִיר דַאוֶונְט שׁוֹין לַאנְג אוֹיף דֶעם, אִיר בֶּעט יֶעדְן טָאג, אִיר וֵויינְט אוּן זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אִיךְ הָאבּ אַייךְ גָארְנִישְׁט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אִינֶעם בְּרִיוו; אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין, אִיךְ זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין, אִיךְ וִויל אַייךְ שְׁטַארְקְן אִיר זָאלְט וַוייטֶער דַאוֶוענֶען, אִיר זָאלְט וַוייטֶער בֶּעטְן.

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער, זַייט וַוייטֶער וַוארֶעם אוּן גֶעטְרֵיי צוּ זֵיי; דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג רַחֲמָנָא לִצְלָן, מִיט דֶעם אַלֶעם פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים אִים גֶעבְּן עֶסְן, קְלֵיידֶער אוּן אִים גֶעהַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ וְכוּ'. יֶעדְן צוּפְרִי וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר'ן בַּאשֶׁעפֶער: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וָואס אִיךְ טוּ מִיט מַיין זוּן, אֲפִילוּ עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דָאךְ גֶעבּ אִיךְ אִים עֶסְן אוּן אַלֶע זַיינֶע הִצְטָרְכוּת'עֶר; אִיךְ בִּין נָאר אַ בָּשָׂר וָדָם, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס דוּ בִּיסְט דֶער אָב הָרַחֲמָן, טוֹב וּמֵטִיב וְרַב חֶסֶד, זָאלְסְטוּ זִיכֶער הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אַלֶעס וָואס זֵיי דַארְפְן, אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין".**

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֵאִיר'ל מִפְּרֶמִישְׁלַאן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דִבְרֵי מֵאִיר, פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת) דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו"; וִוי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף יִצְחָק אָבִינוּ אַז עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו הָרָשָׁע? זָאגְט עֶר, אַז יִצְחָק אָבִינוּ הָאט דָאס גֶעטוּן, נָאר "כִּי צַיִד בְּפִיו", עֶר זָאל קֶענֶען מִיט דֶעם מְנַצֵּחַ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וִוי אִיךְ גֶעבּ פַאר עֵשָׂו וָואס עֶר דַארְף, אִיךְ הָאבּ אִים לִיבּ אֲפִילוּ עֶר גֵייט נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר, זָאלְסְטוּ אַוַדַאי הֶעלְפְן אִידְן מִיט וָואס זֵיי דַארְפְן, אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין"**, עַיֵּין שָׁם; זֶעט מֶען וִוי אַזוֹי צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי, זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן מִיט אַלֶע אִידְן אִינְאֵיינֶעם.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תּוֹלְדוֹת תשפ"א)

<<<<<< אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

זֵיי אַז דִי עֶלְטֶערְן הִיטְן דֶעם שַׁבָּת בְּלוֹיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה אוּן זֵיי זוּכְן שׁוֹין קוֹים פָּטוּר צוּ וֶוערְן דֶערְפוּן?

דָא לִיגְט דֶער גְרוֹיסֶער חִילוּק. קִינְדֶער וֶועלְן גֶעוֶוענְלִיךְ נִישְׁט זַיין בֶּעסֶער פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. אוֹיבּ עֶפֶּעס, וֶועלְן דִי קִינְדֶער נָאר אַרָאפְּגֵיין אַ טְרֶעפְּל נִידְרִיגֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן. אוֹיבּ דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן אַז דֶער שַׁבָּת אִיז הֵיילִיג אוּן טַייעֶר בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, אַז דִי עֶלְטֶערְן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט'ן שַׁבָּת אוּן רֶעכְטְן אָפּ אַ שַׁבָּת מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד; דַאן וֶועט דִי טַייעֶרְקֵייט פוּן שַׁבָּת בְּלַייבְּן אוֹיךְ אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט דֶערְוַואגְן צוּ מְחַלֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת חַס וְשָׁלוֹם.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת. אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ מִיט וָואסֶערֶע מוּט אוּן חֵשֶׁק דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוֹת. צִי זֵיי זוּכְן זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן אַ מִצְוָה וֶוען עֶס אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער, צִי זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין אַן עֲבֵירָה אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ וֶוען עֶס קוּמְט זֵיי אוֹיס אַבִּיסְל גֶעשְׁמַאקֶער אַזוֹי. לוֹיט דֶעם וֶועט זִיךְ דָאס אַרִיבֶּערְכַאפְּן אוֹיךְ צוּ דִי קִינְדֶער.

וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אוֹיף צוּ לֵייגְן תְּפִלִּין חַס וְשָׁלוֹם, אִיז אַ סִימָן אַז וַוארְשֵׁיינְלִיךְ הָאט עֶר גֶעזֶען בַּיי זַיין טַאטֶע אַז דִי גַאנְצֶע תְּפִלִּין לֵייגְן אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים נָאר אַזַא 'מְהֵיכֵי תֵּיתֵי'דִיגֶע' זַאךְ.

אַ קִינְד וָואס הוֹיבְּט אָן עֶסְן נְבֵלוֹת אוּן טְרֵיפוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, הָאט מִסְתָּמָא נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי זַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז זֵיי זָאלְן מַקְפִּיד זַיין צוּ קוּקְן פַאר זֵיי עֶסְן אַ זַאךְ אוֹיבּ עֶס הָאט אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר, אוֹיבּ דִי זַאל אָדֶער רֶעסְטָארַאנְט אִיז טַאקֶע אוּנְטֶער אַ גוּטֶע הַשְׁגָּחָה, אוּן דָאס הָאט אָפְּגֶעקִילְט בַּיי זֵיי דִי גֶעפִיל צוּ כַּשְׁרוּת.

פַארְוָואס זָאל אַ קִינְד נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן? וַוייל דָאס הָאט עֶר גֶעזֶען אִינְדֶערְהֵיים אַז זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע לַאכְן זִיךְ אוֹיס אוּן הַאלְטְן בִּכְלַל נִישְׁט חָשׁוּב זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אוּן דֶערִיבֶּער מַאכְן זֵיי אוֹיךְ נָאךְ דִי זֶעלְבֶּע.

וֶוען אַ קִינְד זֶעט וִוי זַיין טַאטֶע אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן אוּן עֶפְּנְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיף קַיין אִידִישׁ סֵפֶר אִינְדֶערְהֵיים, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פַארְלַאנְגֶען פוּן אַזַא קִינְד אַז עֶר זָאל נָאךְ הָאבְּן אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה? חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ג:) **"אַגְמִירוּ בְּנַיְיכוּ תּוֹרָה, כִּי הֵיכָא דְלִיגְרְסוּ בְּהוּ"**, אַ זוּן וָואס זֶעט וִוי זַיין טַאטֶע לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, וֶועט עֶר אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַ טָאכְטֶער וָואס זֶעט וִוי אִיר מַאמֶע שֶׁעצְט אוּן קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס דֶער טַאטֶע לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶועט דִי מֵיידְל אוֹיךְ דָאס שֶׁעצְן. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ז.) **"נָשִׁים בְּמַאי זַכְיָין? בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְיהוּ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא וְכוּ'"**, וֶוען דִי מֵיידְל זֶעט אַז לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז חָשׁוּב אִין דִי אוֹיגְן פוּן אִיר מַאמֶע, זִי וַוארְט אָפּ דֶעם מַאן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען, זִי טְרָאגְט דִי אִינְגְלֶעךְ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין חֵדֶר, דַאן בַּאקוּמְט דִי מֵיידְל אוֹיךְ דִי גֶעפִיל אַז לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּב'עֶ אוּן טַייעֶרֶע זַאךְ, אוּן זִי וֶועט דָאס אוֹיךְ אַרוֹיפְקוּקְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (עַיֵּין יְרוּשַׁלְמִי עֵירוּבִין פ"ז ה"ט) אַז אִידְן פְלֶעגְן שִׁיקְן דֶעם עֵירוּב מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ טוּן מִצְוֹת. דָאס אִיז אֲפִילוּ בַּיי מִצְוַת עֵירוּב וָואס אִיז נָאר אַ דְרַבָּנָן. אַלֶעס מִיט'ן צִיל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מִיטְלֶעבְּן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה, זֵיי זָאלְן מִיטְהַאלְטְן יֶעדֶע מִצְוָה, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי אַלֶע מִצְוֹת.

דָאס זֶענֶען בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע בַּיישְׁפִּילְן, דִי זֶעלְבֶּע אִיז אָבֶּער בַּיי אַלֶע זַאכְן. סַיי בַּיי דִי מִצְוֹת וָואס מֶען דַארְף טוּן, סַיי בַּיי דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען דַארְף זִיךְ צוּרִיקְהַאלְטְן נִישְׁט צוּ טוּן, אוּן סַיי בַּיי דִי גוּטֶע מִדּוֹת וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן. אוֹיבּ דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן אַז דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, זֵיי פְּרוּבִירְן צוּ טוּן וָואס מֶען דַארְף אוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלַאנְגְט, זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ צוּ טוּן נָאר דִי ווִילְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן זֵיי מַאכְן נִישְׁט אַוֶועק קַיין שׁוּם עֶרְלִיכֶע אוּן גוּטֶע זַאךְ; דַאן קֶען מֶען הָאפְן אַז מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועט דָאס אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיךְ צוּ דִי קִינְדֶער, אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ אוֹיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין נָאר אִין דִי גוּטֶע וֶועגְן, אוּן דַאן וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן זֶען פוּן זֵיי אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת. (זֹאת הַתּוֹרָה תּוֹלְדוֹת ד', קוּנְטְרֵס אִידִישׁ נַחַת)

<<<<<< מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים. אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ טַאקֶע שְׁטַארְקְן אוּן בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען עֶס וֶועט אָבֶּער אַרִיבֶּערְגֵיין אַ שְׁטִיק צַייט וֶועט עֶר פַארְלִירְן דֶעם אַפֶּעטִיט, אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְהֶערְן צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, צוּ בַּאקוּמֶען דִי הִתְחַזְּקוּת אוּן שְׁטַארְקֵייט אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן נָאר שְׁטֶענְדִיג זָאל מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

דֶער צַדִּיק הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אֵיין שְׁטִיק תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (תְּהִלִּים קט, ד) "וַאֲנִי תְפִלָּה". דֶער צַדִּיק הָאט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן וִוי זַיין נַאטוּר, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר דִי כּוֹחוֹת זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן שְׁוֶוערְן מַצָּב, אוּן עֶר קֶען אוֹיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְלָאזְן פוּן תְּפִלָּה.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בְּרָכוֹת י.) אַז יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא אִיז גֶעקוּמֶען מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען קְרַאנְק אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט נְבִיאוֹת אַז עֶר זָאל לָאזְן צַוָואָה וַוייל עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן פוּן דִי קְרֶענְק. חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן נָבִיא: "עֶנְדִיגְט צוּ דַיין נְבִיאוֹת אוּן גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא. אִיךְ הָאבּ מְקוּבָּל פוּן מַיין זֵיידְן דָוִד הַמֶּלֶךְ אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס לִיגְט שׁוֹין אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד אוֹיפְ'ן הַאלְז פוּן אַ מֶענְטְשׁ, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, נָאר עֶר זָאל וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן.

טַאקֶע דֶערְפַאר וַוייל חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיט דִי לִימוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן זַיין זֵיידְן דָוִד הַמֶּלֶךְ, הָאט דָאס אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקַייט נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן. אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַ נְבוּאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן, הָאט עֶר נָאכְאַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער כֹּחַ קֶען מֶען נָאר בַּאקוּמֶען וֶוען מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ דִי עֵצוֹת פוּנֶעם צַדִּיק.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן אוֹיבֶּער-חָכָם אוּן עֶר קְלֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיק, אִיז דָאס זֵייעֶר נַארִישׁ, עֶר וֶועט אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְקוּמֶען, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט.

מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף
<<<<<<

דֶעם אַ מָשָׁל אַז אַ סוֹחֵר אִיז אַמָאל גֶעפָארְן פַאר גֶעשֶׁעפְטְן צוּ אַ וַוייטֶע לַאנְד, דֶער לַאנְד אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֶעמְד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם פְּלַאץ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר נִיטְאַמָאל גֶעקֶענְט דִי שְׁפְּרַאךְ. עֶר דְרֵייט זִיךְ דָארְט אַרוּם אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן צוּ פִירְן דָארְט גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן פְּלוּצְלִינְג טְרֶעפְט עֶר אַ הֵיימִישְׁן מֶענְטְשׁ וָואס קֶען זַיין שְׁפְּרַאךְ אוּן עֶר קֶען זִיךְ אוֹיךְ אוֹיס אִין יֶענֶע לַאנְד, אוּן יֶענֶער הוֹיבְּט אִים אָן אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט זִיךְ אוּם אִין יֶענֶע לַאנְד, עֶר וַוייזְט אִים צוּ וואוּ מֶען קֶען גֵיין עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, וואוּ מֶען קֶען פִירְן גוּטֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן זִיךְ אַייְנְהַאנְדְלֶען פֵיינֶע סְחוֹרָה פַאר בִּילִיג, אוּן וואוּ מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין הַאנְדְלֶען וַוייל דָארְט וֶועט מֶען וֶוערְן גוּט אָפְּגֶענַארְט.

דֶער סוֹחֵר דַארְף דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם וָואס הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אוּן וַוייזְט אִים דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אוּן שְׁפָּארְט אִים אַיין אַזוֹיפִיל אַרְבֶּעט. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט דֶער סוֹחֵר נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶועט עֶר זַיין אַן אוֹיבֶּער-חָכָם, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ יֶענֶעם, אוּן דַאן אִיז זֵייעֶר מֶעגְלִיךְ אַז עֶר וֶועט זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּרְכְפַאלְן אִין זַיין מִיסְיֶע.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד וָואס קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט דָא צוּ טוּן, וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ דָא אַן עֵצָה? וָואס אִיז יָא גוּט צוּ טוּן אוּן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ טוּן? אוּן עֶס קוּמְט אַ צַדִיק וָואס גֶעבְּט אִים גוּטֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי דוּרְכְצוּגֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיפְ'ן שֶׁענְסְטְן אוֹפָן, אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, עֶר זָאל הָאבְּן אַ זִיסֶע גוּטֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיךְ נָאכְדֶעם זָאל עֶר אָנְקוּמֶען וואוּ עֶרדַארְף אָנְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דַארְף דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ זַיין אַ גְרוֹיסֶער טִיפֵּשׁ אוֹיבּ עֶר וִויל זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן אוּן פָאלְגְן דֶעם צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע הָאט אַמָאל אַרַייְנגֶערוּפְן זַיין אֵיינִיקְל דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זי"ע, וָואס הָאט גֶעהַאלְטְן גְלַייךְ נָאךְ זַיין חֲתוּנָה, אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִי גֶעלְט וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אוֹיף נַדְן. דֶער אֵיינִיקְל הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט עֶס אַייְנגֶעשְׁטֶעקְט בַּיי אַ גֶעוִויסְן עוֹשֶׁר אִין וִויטֶעבְּסְק אַז יֶענֶער זָאל מַאכְן דֶערְמִיט גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן דֶער עוֹשֶׁר וֶועט אִים אַרָאפְּגֶעבְּן פְּרָאצֶענְטְן פוּן דִי פַארְדִינְסְטְן. דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט אִים גֶעזָאגְט: "גֵיי נֶעם צוּרִיק דָאס גֶעלְט אוּן לֵייג עֶס אַרַיין אִין דִי פּוּשְׁקֶע" אוּן עֶר הָאט אִים גֶעוִויזְן אוֹיף דִי "רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס" פּוּשְׁקֶע וָואס אִיז גֶעלִיגְן אוֹיפְ'ן טִישׁ...

דֶער אֵיינִיקְל הָאט גֶעקְלֶערְט אַז דֶער זֵיידֶע וִויל אַוֶועקְגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט פַאר צְדָקָה, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ פָאלְגְן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנֶגְען וַוייטֶער אוֹיף זַיין וֶועג.

עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן דִי וַוייבּ פוּנֶעם צֶמַח צֶדֶק אִיז גֶעקוּמֶען פוּן וִויטֶעבְּסְק אוּן גֶעוֵויינְט פַאר אִיר מַאן אוּן פַארְ'ן זַיידְן אַז דֶער עוֹשֶׁר פוּן וִויטֶעבְּסְק הָאט אָנְגֶעזֶעצְט, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בַּאנְקְרָאט, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט.

דַאן הָאט דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זֵיי גֶעזָאגְט: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אֲפִילוּ מַיינֶע קִינְדֶער ווִילְן מִיר נִישְׁט פָאלְגְן? וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בַּיי מַיין רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ, הָאבְּן מִיר אִים גֶעפָאלְגְט אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן אַרוֹיסְפָארְן אִין וֶועג אָן קַיין שׁוּם חֶשְׁבּוֹן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין פְרַאגֶעס, נָאר מִיר הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג".

אוּן עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה. אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד גֶעהֵייסְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלָאזְן אִין וֶועג, אוּן עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט וואוּ צוּ פָארְן. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין שְׁאֵלוֹת, נָאר זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אַייְנגֶעשְׁפַּאנְט דִי פֶערְד אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי רַייזֶע צוּם אוּמְבַּאקַאנְטְן צִיל.

נָאכְ'ן פָארְן אַ פוּפְצִיג קִילָאמֶעטֶער הָאבְּן זִיךְ דִי פֶערְד גֶעדַארְפְט אָפְּרוּעֶן פוּנֶעם וֶועג אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ קְלֵיין דֶערְפְל אוּן אַרַייְנגֶעגַאנְגֶען אִינֶעם אָרְטִיגְן קְרֶעטְשְׁמֶע. זֵיי הָאבְּן גֶעלָאזְט דִי פֶערְד זִיךְ אָפְּרוּעֶן, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אוֹיבּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אַ אִיד אִינֶעם דָארְף. זֵיי הָאבְּן זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז עֶס וואוֹינְט אֵיין אִיד אִינֶעם דָארְף אוּן זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים.

דֶער אִיד הָאט זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס גֶעפוּנֶען זִיךְ נָאךְ אִידְן אִין דָארְף אָדֶער אִין דִי אוּמְגֶעגְנְט. דֶער אִיד זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אִיד אִין דִי גַאנְצֶע אוּמְגֶעגְנְט, דֶער נֶענְטְסְטֶער שׁוּל אִיז דְרַייסִיג פֶערְצִיג קִילָאמֶעטֶער וַוייט פוּנֶעם דָארְף. אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט פֵיין פַּרְנָסָה אִינֶעם דָארְף אוּן עֶר אִיז דָארְט אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַלֶע יָארְן, ווִיל עֶר זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק צִיעֶן פוּן דָארְט.

דִי חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט מִיט תְּמִימוּת: "וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין אַז אַ אִיד זָאל וואוֹינֶען אַלֵיינְס אִין אַ דָארְף אוּן עֶס זָאל דוּרְכְגֵיין אַ גַאנְצֶע יָאר אָן קַיין שׁוּל, אָן קַיין קַדִישׁ, קְדוּשָׁה, אוּן בָּרְכוּ? אָן צוּ זֶען אַ אִיד פַאר דִי אוֹיגְן?"

זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן דֶעם אִיד אוּן זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי קְרֶעטְשְׁמֶע צוּ זֶען אוֹיבּ דִי פֶערְד זֶענֶען שׁוֹין גְרֵייט צוּ פָארְן וַוייטֶער, זֵיי הָאבְּן אַייְנגֶעשְׁפַּאנְט דִי פֶערְד אוּן זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ פָארְן וַוייטֶער. וֶוען זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן זֶענֶען זֵיי נָאכְאַמָאל דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם אִיד'ס הוֹיז, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי דֶער אִיד לָאדֶענְט אַרוֹיף זַיין גַאנְצֶע הָאבּ אוּן גוּטֶס אוֹיף וֶועגֶענֶער אוּן עֶר גְרֵייט זִיךְ אַוֶועק צוּ צִיעֶן פוּן דָארְף צוּ גֵיין וואוֹינֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט צְוִוישְׁן אִידְן...

דַאן הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס זֵייעֶר רֶבִּי הָאט זֵיי אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט אוֹיף דֶעם וֶועג. זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי דִי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט דֶעם אִיד הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעטוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן.

אוּן דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט אוּן גֶעזָאגְט צוּ זַיין אֵיינִיקְל: "קוּק וִוי מִיר הָאבְּן גְלַייךְ גֶעפָאלְגְט אוּנְזֶער רֶבִּי'ן אָן צוּ פְרֶעגְן קַיין שׁוּם שְׁאֵלוֹת, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט זוֹכֶה אַז מַיין אֵיינִיקְל זָאל מִיר פָאלְגְן"...

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס קֶען אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוֹיף דֶעם לַאנְגְן אוּן שְׁוֶוערְן וֶועג אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ פָאלְגְן דִי עֵצוֹת וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אִים אוֹיס, וֶועט אִים זַיין וואוֹיל אוּן לִיכְטִיג אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ צַדִיק)



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וֶוען אִיךְ הָאבּ וֶוען דִי שִׁיעוּרִים פְּרִיעֶר, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט

***שְׁאֵלָה:***

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ גֶע'גֶט'עֶ וַוייבְּל פוּן ... שׁוּלֶע, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט קַיין אִידִישְׁקֵייט, אוּן אִיךְ פְּלַאן זִיךְ נִישְׁט צוּ טוֹישְׁן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוֹישְׁן מַיין לֶעבְּן, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי בִּיטֶער גֶעוֶוען דִי שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פְרוּם אוּן וואוֹיל אַלֶע יָארְן, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶס הָאט גֶעקְרַאכְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוּן פַארְשְׁטַאנֶען דִי פַאלְשְׁקֵייט פוּן דִי סֶעקְטֶע. אֲפִילוּ וֶוען מַיין נְשָׁמָה צִיט אַלֶעמָאל צוּרִיק צוּ גוּט, אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט צוּרִיקְגֵיין.

אֵיין זַאךְ וָואס אִיז מִיר גֶעבְּלִיבְּן, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ זֶען וִוי אַזוֹי אִיר גֶעבְּט אַ וֶועג פַאר מֶענְטְשְׁן, דָאס מַאכְט מִיר טְרַאכְטְן אַז וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען אִין אַייעֶרֶע פִּיסְטְרִיט אַלְס מֵיידְל, וָואלְט אִיךְ הַיינְט גֶעהַאט אַ גֶעזוּנְטֶע גוּטֶע לֶעבְּן. דֶערְפַאר טְרַאכְט אִיךְ אַלֶעמָאל אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע שׁוֹין צֶערִיסְן אָבֶּער כָאטְשׁ אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג וָואס מֶען קֶען מַאכְן דִי תּוֹרָה זִיס אוּן אָרְגִינֶעל, אָן קַיין פַאלְשְׁקֵייט.

סְפֶּעצִיעֶל הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקֶען פַאר דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי אִיר זִיצְט אוּן קְלָאגְט מִיט אַייעֶר קְהִלָּה דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם תִּשְׁעָה בְּאָב, דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען וִוי בָּאלְזַאם אוֹיף מַיין פַארְוֵוייטָאגְטֶע נְשָׁמָה. וַוייל אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וִוי אִיךְ זִיץ אַלְס מֵיידְל אִין מַחֲנֶה ... אוּם תִּשְׁעָה בְּאָב, דִי לֶעקְטֶערְס פַארְלָאשְׁן, מֶען זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד, מֶען דֶערְצֵיילְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת, מַיין קְלֵיין הֶערְצֶעלֶע פְּלַאצְט צוּזַאמֶען מִיט דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ, מִיר זִיצְן וִוי פַארְלוֹירֶענֶע שָׁאף, מֶען שְׁמַייסְט אוּן מֶען שְׁמַייסְט, נָאךְ אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה, נָאךְ אַ צִיפֶּעדִיגֶע מוּסָר; אוֹי דִי פִינְסְטֶערֶע תִּשְׁעָה בְּאָב קָאשְׁמַארְן וָואס זֶענֶען מִיר נָאכְגֶעלָאפְן לַאנְגֶע טֶעג אוּן וָואכְן דֶערְנָאךְ. נָאךְ אַ נִיגוּן פוּן חוּרְבָּן, נָאךְ אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע רֶעדְנֶערִין, בָּאמְבֶּעס פַאלְן, קִינְדֶער אַלֵיין אִין וַואלְד, דִי מַאמֶע אִיז גֶע'הַרְגְ'עֶט, בְּלוּט גִיסְט זִיךְ, אוֹישְׁוִויץ, אַ מַאסְן קֶבֶר, שְׁרֶעקְלִיכֶע קְרֶענְק אוּן מַחֲלוֹת, אִיבֶּערְבֶּעטְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אוּנְזֶער תִּשְׁעָה בְּאָב. מֶען הָאט אוּנְז אַרַייְנגֶעלֵייגְט אִין מִלְחָמָה, אִין שְׁרֶעק, אִין טֶערָאר, פַּיין, דְרוּק אוּן גֶעוַואלְדֶעס. מֶען הָאט מִיר צוּגֶענוּמֶען מַיין אָטֶעם, מַיין לֶעבְּן אוּן מַיין גֶעזוּנְט.

אִיךְ בַּאשׁוּלְדִיג נִישְׁט קֵיינֶעם, קֶען זַיין אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אַזַא תִּשְׁעָה בְּאָב טוּט פַאר אַ מֵיידְל וָואס דַארְף נָאךְ זַיין אַ צוּקוּנְפְטִיגֶע וַוייבְּל, מַאמֶע אוּן בַּאבֶּע. אוּן יֶעצְט וֶוען אִיךְ קוּק אַייעֶר תִּשְׁעָה בְּאָב; אַזַא הִתְעוֹרְרוּת, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שְׁרֶעק, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין חוּרְבָּן, עֶס אִיז נָאר דָא טְרֶערְן פוּן הָאפֶענוּנְג, טְרֶערְן פוּן בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֱמֶת, צוּ אַ טַאטֶע וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט פַארְלוֹירְן פוּן אוּנְז.

אוֹי הַלְוַאי לֶערֶערִינְס זָאלְן דָאס זֶען, אוֹי הַלְוַאי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן וִויסְן אַז נִישְׁט דָאס וָואס מֶען הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אִינֶעם גֵיהִינוֹם - דָאס אִיז אִידִישְׁקֵייט, אִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיג זִיךְ פַארְ'ן אַזוֹי וֵויינֶען צוּ אַייךְ, אִיר קֶענְט מִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט אַז דִי וֶוערְטֶער לִיגְן מִיר אִין הַאלְז; כָאטְשׁ זָאלְן דִי שֶׁעפֶּעלֶעךְ וָואס זֶענֶען אִין מַיינֶע קִינְדֶער שִׁיךְ וִויסְן וואוּ עֶס אִיז דֶער גֵיהִינוֹם אוּן וואוּ עֶס אִיז גַן עֵדֶן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַזוֹי וִוי אַייךְ זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן דִי יוּגֶענְט וָואס גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דִי תּוֹרָה וֶועג מֵיינֶענְדִיג אַז דִי פְרֵייעֶ לֶעבְּן אִיז דִי גוּטֶע לֶעבְּן, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁטָא פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער קַיין אַנְדֶערֶע וֶועג צוּ לֶעבְּן; עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דִי פְרֵייעֶ לֶעבְּן אִיז גֶעשְׁמַאקֶער אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר אַז מֶען הִיט דִי תּוֹרָה הָאט מֶען לֶעבְּן, נָאר אַז מֶען טוּט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט - אִיז מֶען גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער זֶענְט אִיר זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַייעֶר הַארְץ אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ אִידִישֶׁע הַארְץ, אַייעֶר נְשָׁמָה בֶּענְקְט צוּרִיק צוּם

BreslevCenter.com\answers

אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיר קֶענְט אִין אֵיין מִינוּט זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְעֶכְטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוֹן, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר נֶעמְט יֶעדְן אֵיינֶעם צוּרִיק, נָאכְמֶער פוּן דֶעם זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁזְּדוֹנוֹת נַעֲשׂוֹת לוֹ כִּזְכִיּוֹת", וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה פוּן לִיבְשַׁאפְט, מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל מֶען הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶוערְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת - מִצְוֹת.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אִיז אַ זִיסֶע תּוֹרָה, אַ גוּטֶע זַאךְ; עֶס זֶענֶען דָא וָואס פַארְדְרֵייעֶן דִי תּוֹרָה, זֵיי מַאכְן זִיךְ אַן אֵייגֶענֶע תּוֹרָה וָואס שְׁטֶעכְט, עֶס זֶענֶען דָא וָואס לֵייגְן צוּ נֵייעֶ זַאכְן, דָאס מַאכְט עֶס שְׁטֶעכֶעדִיג; דָאס אִיז נִישְׁט דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁטֶעכֶעדִיגֶע זַאךְ, דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטֶערֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה לב) וֶוער זָאגְט אַז 'כַּפּוֹת תְּמָרִים' אִיז אַ לוּלָב, אֶפְשָׁר מֵיינְט דִי תּוֹרָה מִיר זָאלְן נֶעמֶען פַאר כַּפּוֹת תְּמָרִים אַ שְׁטֶעכֶעדִיגֶע בְּלֶעטְל? אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער זָאגְט אַז 'עֲנַף עֵץ' אִיז הֲדַסִּים, אֶפְשָׁר אִיז עֲנַף עֵץ עָבוֹת אַ הִירְדוּף - אַ דָארְן בְּלֶעטְל? זָאגְט דִי גְמָרָא, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין, וַוייל (מִשְׁלֵי ג, יז): "דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם", דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַ זִיסֶע וֶועג, נִישְׁט קַיין שְׁטֶעכֶעדִיגֶע וֶועג, אִיז זִיכֶער נִישְׁט פְּשַׁט מֶען זָאל נֶעמֶען דִי זַאכְן אִין דִי הֶענְט אוּן וֶוערְן צֶעשְׁטָאכְן.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם ווִילְנֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹיבּ מֶען לֵייגְט צוּ זַאכְן צוּ דִי תּוֹרָה, בַּיים סוֹף לָאזְט מֶען אָפּ דִי תּוֹרָה; עֶר טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז, מ): "וְהָיָה כַּאֲשֶׁר 'תָּרִיד' וּפָרַקְתָּ עֻלּוֹ", 'תָּרִיד' אִיז מִיט אֵיינְס מֶער פוּן 'תַּרְיַ"ג', וְהָיָה כַּאֲשֶׁר 'תָּרִיד', אַז דוּ וֶועסְט צוּלֵייגְן אֵיינְס אוֹיף תַּרְיַ"ג, עֶס וֶועט וֶוערְן תָּרִי"ד - וּפָרַקְתָּ עֻלּוֹ, דֶעמָאלְט וַוארְפְט מֶען אַרָאפּ דֶעם עוֹל פוּן דִי תּוֹרָה.

דָאס אִיז דִי וֶועג פוּנֶעם ס"מ; עֶר הָאט דָאס גֶעטוֹן מִיט אָדָם וְחַוָּה, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר אָדָם הָרִאשׁוֹן (בְּרֵאשִׁית ג, ג): "לֹא תֹאכְלוּ מִמֶּנּוּ", מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַּעַת, אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי אוּן צוּגֶעלֵייגְט: 'לֹא תִגְּעוּ בּוֹ', אוֹיךְ לָאזְט נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶען זָאל אָנְרִירְן דֶעם בּוֹים, אוּן אֵיינְמָאל עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט וְכוּ' הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דוּרְכְדֶעם אָדָם וְחַוָּה אוּן גוֹרֵם גֶעוֶוען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס; דָאס פַּאסִירְט וֶוען מֶען לֵייגְט צוּ, מֶען מַאכְט זִיךְ אַן אֵייגֶענֶע תּוֹרָה.

אַייעֶר לֶעבְּן קֶען נָאךְ וֶוערְן שֵׁיין אוּן זִיס, בַּיים רֶבִּינְ'ס שׁוּלֶע נֶעמְט מֶען אָן אוֹיךְ עֶרְוַואקְסֶענֶע; מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין אַ יוּנְגֶע מֵיידְל צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָא אַ וֶועג זִיךְ זִיס צוּ מַאכְן דָאס לֶעבְּן אֲפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין עֶלְטֶער. הֵייבְּט אָן נוּצְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, תְּהִלִּים אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין זִיבְּן, זָאגְט יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים", וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, "כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וַוייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זָאגְן אַלֶע אַסַאךְ תְּהִלִּים, וַוייל דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה, "וְעַל כֵּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בּוֹ", דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק זַיין אִין זָאגְן תְּהִלִּים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## הערליכע חנוכת הבית פון בית המדרש היכל הקודש לינדען

אין א פרייליכע אנטוויקלונג פאר אנשי שלומינו אין לינדען ניו דזשערסי, נאך אסאך תפילות צום אויבערשטן האט מען זוכה געווען צו טרעפן א פאסיגע פלאץ פאר א "בית המדרש היכל הקודש לינדען"

ווי שוין באריכטעט געפונט זיך דער בית המדרש אויף 294 נארט וואוד עווועניו, ווען אין די ערשטע וואך פרשת נח האט מען געדאווענט אינאיינעם ביי שלש סעודות, מיט פלענער אז בקרוב וועט מען אנהייבן דאווענען דארט אלע דריי תפילות שבת קודש, און אזוי אויך שיעורי תורה, און חבורות אינדערוואכן.

פארגאנגעם ליל שישי איז דער ראש ישיבה שליט"א געקומען פראווען א חנוכת הבית פאר'ן בית המדרש, אינאיינעם מיטן סיום מסכת קידושין און סיום "חצי ש"ס", מען האט זיך געוואשן צו א שיינע סעודה לכבודה של תורה.

נאך נטילת ידים האט דער ראש ישיבה שליט"א אנגעהויבן דעם סיום דורך פארלערנען ברבים דעם לעצטן דף פון מסכת קידושין, און אריינגעפלאכטן שיינע חיזוק און עצות פון הייליגן רבין. דער ראש ישיבה האט שטארק ארומגערעדט ווי שטארק מיר דארפן היטן אונזערע טייערסטע פארמעגן די קינדער זיי צו האלטן ריין און הייליג, ווי די משנה זאגט אז איינער וואס איז נישט חתונה געהאט טאר נישט זיין קיין מלמד, בפרט - האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט - אז רוב אינגעלייט פון די קהילה אין לינדער זענען מלמדים, ליגט אויף זיי א געוואלדיגע אחריות צו רעדן צו די קינדער איבער עניני קדושה, און זיי געבן די כחות זיך צו קענען אן עצה געבן אין לעבן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז עס איז א געוואלדיגע בושה ווען מענטשן זאגן דעם ממרא "אכשר דרא" אויף דעם, ווייל היינט זענען די נסיונות נאר ערגער, און מען הערט ליידער צוזאם שרעקליכע זאכן, און כאטש די גמרא דרוקט זיך אויס "לא נחשדו ישראל וכו'". דער ראש ישיבה האט פארציילט ווי מוהרא"ש האט אים געזאגט סוף ימיו אז ער שפירט אז ער קען נישט דערהייבן די שרעקליכע שמועות וואס מען הערט אין עניני קודשה, ווי נידעריג דער דור איז געפאלן ר"ל. דערפאר מוזן מיר רעדן צו די קינדער קלארע ווערטער, און וואס פריער איז בעסער, כדי מען זאל נישט זיין ח"ו א צועק לשעבר.

נאכן זאגן דעם הדרן, און זינגען שיינע ניגונים לכבוד דעם סיום האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט דעם בארימטן וועכענטליכן ליל שישי שיעור פאר די אינגעלייט, רוב פון דעם שמועס איז געווען איבער די גרויסקייט פון לערנען תורה, דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך געבעטן צו די אינגעלייט "פרובירט עס אויס", יעדער האט גוטע תירוצים, מען איז פארנומען, מען דארף צאלן בילס, א מארטגעדזש, משפחה עלטערן, ווייב און קינדער, יעדער דארף זיך פרעגן "ווען גיי איך מיך שוין נעמען אין די הענט אריין"? די נסיונות פון די גאס ברענט און פלאקערט, אבער א דאנק די עצה פון רבין קענען מיר עס בייקומען, ווייל דער רבי געבט אונז אן עצה אז אויך מיר זאלן קענען נוצן דעם תבלין קעגן יצר הרע וואס איז תורה. דער וואס לערנט נאר אויב ער קען פארשטיין, וועט ער עס צום סוף אפלאזן, ווייל א מענטש איז נישט קיין מאשין, נישט יעדן טאג האט ער א קאפ.

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א געבעטן די גבאים פון די שולן פון היכל הקודש אז זייער זאך דארף זיין מחזק זיין געבן גוטע ווערטער פאר די מתפללים, זיי האבן שוין גענוג מוסר זאגערס, מען קומט אין שול ווייל מען וויל הערן אז דער אויבערשטער דארף דיר יא, דו האסט א וועג צום אויבערשטן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט א מעשה וואס האט פאסירט אין שטאט אומאן, יעדע חסידות האט דארט געהאט א שטיבל, אסאך יארן צוריק האט דארט געוואוינט א איד משה צדוק ער איז געווען א יתום און ער איז ליידער געפאלן ביז ער איז געווארן א מסור, אלע זענען אנטלאפן פון אים מען האט אים נישט אריינגעלאזט אין קיין איין שול, אבער א איד בלייבט א איד, איין מאל אינעם טאג פון זיין טאטענ'ס יארצייט האט אים געכאפט א הרהור תשובה, און ער האט געזוכט א מנין צו זאגן קדיש, אבער ווי נאר ער איז אריין אינעם ערשטן שול איז מען אים באפאלן מיט קולות שייגעץ ארויס, אינעם צווייטן שול זענען אלע אנטלאפן פון אים, ביז ער האט באשלאסן צו פרובירן צו קומען צום ברסלב'ע קלויז, אפשר דארט וועט מען אים לאזן, ער האט זיך געשטעלט אין א ווינקל, און איין אינגערמאן האט אנגעהויבן צו קומען נענטער צו אים, משה צדוק האט שוין מורא באקומען אז אויך פון דא וועט מען אים פארטרייבן, אבער דער אינגערמאן האט אריינגעלייגט אין זיין ביזעם א סידור מיט א תפילין, און ער גייט צו צו אים "משה צדוק אז דו ביסט שוין יא דא, אפשר ווילסטו לייגן טלית און תפילין" און משה צדוק איז געווארן אזוי איבערגענומען אז ער האט זיך גענומען וויינען, און ער איז געווארן א פולקאמער בעל תשובה. "דאס" האט דער ראש ישיבה אויסגעפירט "איז די אויפגאבע פון א גבאי אין היכל הקודש".

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די בחורים וואס זענען מקורב אז זיי דארפן זיך צושטעלן צו אלע סדרי הישיבה דארט ווי זיי לערנען, און מען זאל נישט זיין קיין חכם, מען דארף נישט שרייען פאר יעדעם אז מען איז א ברסלבער, ווייל ברסלב איז בסך הכל עצות וואס דו ווייסט אין דיין מח, און בין הסדרים קען מען אריינכאפן גאר אסאך משניות און גמרא, אנשטאט זיך צו טענה'ן מיט מענטשן. ווייל ווער עס פאלגט דעם הייליגן רבין האט א זיסע לעבן.

**ואהי להם למקדש מעט אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב לעזער הי"ו וזוגתו תחי'**

**צו די בר מצווה פון הבה"ח אברהם נ"י למזל טוב**

די חשובע **מרת לעזער תחי'**, די געטרייע **מנהלת פון בית פיגא ברסלב**, איז די רוקן-ביין פון די ברסלב'ע סקול, זי איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די סקול, זיך אפגעבנדיג מיט יעדן קינד באזונדער מצליח צו זיין אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן זיי בייזשטיין צו זען פיל אידיש נחת פון די קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט

## איך ציטער, איך ציטער, איך ציטער

**איך האב שוין נישט כח צו ציטערן הערט א שיינע שיעור ווי**

**אזוי צו ווערן אויסגעהיילט פון די מחלה פון היינטיגן דור**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1,2,1,10,1,21**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **מרדכי היימליך** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380